**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 9/21/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

# גאווערנער האקול אנאנסירט איבער 6 מיליאן דאלער פארטיילט געווארן אפצוהיטן באלד 2,000 עיקערס פון ניו יארק פאַרם-שטח דורכאויס קלימאט וואך

***8 פראיעקטן לענגאויס דעם סטעיט וועלן קאנסערווירן איבער 2,000 עיקער באניציגע אגריקולטור שטח דורך דעם ׳פאַרם-לענד פראטעקשען פראגראם׳***

***110,450 עיקערס פון פארמלאנד באשיצט ביז יעצט, בויענדיג אויף די סטעיט'ס 100,000 עיקער מיילשטיין געמאלדן פריער דאס יאר***

***אפליקאציעס ווערן נאך אנגענומען פאר רונדע 19, בארעכטיגטע ארגאניזאציעס קענען זיך איינגעבן [דא](#)***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט, דורכאויס קלימאט וואך, אויסגעמאלדן אז איבער 6 מיליאן דאלער ווערט איצט פארטיילט צו פארשטערקערן ניו יארק׳ס אגריקולטור אינדוסטריע דורך דער ׳פאַרם-לענד פראטעקשען אימפלעמענטעישן גרענטס פראגראם׳. די 8 פארטיילטע פראיעקטן וועלן אפהיטן א סך הכל פון 2,014 עיקערס ווערטפולע פאַרם-שטחים, העלפנדיג צו האלטן אגריקולטור שטחים אין פראדוקציע, פארזיכערן די לאנג-טערמיניגע שטאנהאפטיגקייט פון ניו יארק׳ס פאַרם אפעראציעס, און באשיצן די סטעיט'ס פאטענציאל פאר קארבאן סיקוועסטרעישאן אויף די אגריקולטורישע ערד ברענגענדיג פאראויס די מעגליכקייט פון די סטעיט צו נאכקומען אירע קלימאט צילן.

"באשיצן אונזער סטעיט'ס פארמלאנד איז א קריטישע באשטאנדטייל נישט נאר צו באשיצן אונזער ענווייראנמענט נאר אויך צו אנהאלטן די עקאנאמישע ווייעביליטי פון די סטעיט'ס אגריקולטורישע אינדוסטריע פאר לאנגע יארן," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** ״די פראגראם געבט פאר פארמערס די שטיצע וואס זיי דארפן האבן צו קאנזערווירן דאס לאנד בשעת'ן פארברייטערן מארק געלעגנהייטן כדי זיי זאלן קענען ווייטער פראדוצירן און פארקויפן עטליכע פון די בעסטע סארט עסן, געטראנקען, און פראדוקטן אינעם לאנד וואס דערהאלטן אונזערע קאמיוניטיס. איך בין שטאלץ אז מיר האבן געשאנקען געלטער פאר אזוי פיל פארמס פאר וועמען עס קומט זיך, העלפנדיג צו באשיצן זייער פארמלאנד פאר לאנגע יארן בשעת'ן מאכן פארשריט אויף אונזער סטעיט'ס קלימאט צילן."

"פארמינג איז א ווינקלשטיין פון ניו יארק'ס עקאנאמיע און מיר מוזן פארזיכערן אז אונזערע פארמלענדער זענען פרעזערווירט," **האט געזאגט ליוטענאנט גאווערנער אנטאניא דעלגאדא.** "איך בין שטאלץ זיך אנצושליסן מיט גאווערנער האקול אין מעלדן די באדייטנדע אינוועסטירונג, וואס וועט ערלויבן אונזערע ניו יארקער פארמערס צו אנהאלטן זייער יעצטיגע פראדוקציע, בשעת'ן אויך צושטעלן נייע עקאנאמישע געלעגנהייטן."

דאס איז די 19'טע רונדע פון די סטעיט'ס פארמלאנד באשיצונג פראגראם. לעצטע יאר, צום ערשטן מאל, האט דער פראגראם פארטיילט געלטער פאר פראיעקטן וועלכע שטיצן די סטעיט׳ס הויפט צילן - אזוי ווי עסנווארג זיכערקייט, קלימאט ווידערשטאנד-פעאיגקייט און קוואל וואסער באשיצונג - ווי אויך פארברייטערט בארעכטיגונג באדינגונגען פארן פראגראם צו אריינגעמען די אגראפארעסטרי, עקוויין, און וויין סעקטארס. אין צוגאב זענען די תנאים צו זיין בארעכטיגט פאר דעם פראגראם נאכאמאל פארברייטערט געווארן, יעצט אריינרעכענענדיג דריי נייע קאטעגאריעס: תבואה, בהמות אדער פראדוקטן פון בהמות און צוטריט צו פארם לענדער. צוטריט צו פארם לענדער איז ספעציפיש געווידמעט צו העלפן אדרעסירן אנגייענדע שוועריגקייטן פאר נייע און אנהויבנדע פארמער און אזוי אויך פארמער וועלכע רעטייערן אין די ראיאן.

דער ניו יארק סטעיט ׳דעפארטמענט אוו אגריקולטור ענד מארקעטס׳ אדמיניסטרירט דעם ׳פאַרם-ערד פראטעקשען אימפלעמענטעישן גרענטס פראגראם׳ און איר פארבינדענע גרענט געלעגנהייטן. [גרענט אפליקאציעס ווערן אנגענומען אויף א כסדר'דיגע באזיס, ביז ווען אלע געלטער זענען פארטיילט געווארן].

די פאלגנדע פראיעקטן זענען די ערשטע צו ווערן געשאנקען פאר די 19'טע רונדע פון פאנדינג:

**קאפיטאל ראיאן ($3,256,567 פאר 958 עיקערס):**

- אגריקולטור סטואווערדשיפ אסאסיאציע (רענסעלער קאונטי) – $812,340 צו באשיצן 318 עיקערס מיט 80% פראדוקטיווע ערד אויף גיבסאן פאמיליע פארמס II (בהמות אדער בהמות פראדוקטן קאטעגאריע)
- סאראטאָגע PLAN (סאראטאגע קאונטי) – $690,258 צו באשיצן 158 עיקערס מיט 36% פראדוקטיווע ערד אויף דראמלענד פארם (ווייעבל אגריקולטוראל לאנד - אנדערע קאטעגאריע)
- אגריקולטור סטואווערדשיפ אסאסיאציע (רענסעלער קאונטי) – $638,205 צו באשיצם 327 עיקערס מיט 69% פראדוקטיווע ערד אויף עדזשוואוד פארם (פעלד גרערטעניש קאטעגאריע)
- סאראטאָגע PLAN (סאראטאגע קאונטי) – $565,276 צו באשיצן 79 עיקערס מיט 77% פראדוקטיווע ערד אויף בעטערדעי פארם (קלימאט ווידערשטאנד-פעאיגקייט קאטעגאריע)
- סאראטאָגע PLAN (סאראטאגע קאונטי) – $550,488 צו באשיצן 76 עיקערס מיט 59% פראדוקטיווע ערד אויף טו לייענס פארם (עקוויין קאטעגאריע)

**פינגער לעיקס ($2,872,320 פאר 1,002 עיקערס):**

- גענעסי וואלי קאנזערוועגסי (גענעסי קאונטי) – $1133605 צו באשיצן 380 עיקערס מיט 81% פראדוקטיווע ערד אויף סטיין פאמילע פארמס 1 (ווייעבל אגריקולטוראל לאנד - אנדערע קאטעגאריע)
- גענעסי וואלי קאנזערוועגסי (גענעסי קאונטי) – $1738715 צו באשיצן 622 עיקערס מיט 88% פראדוקטיווע ערד אויף סטיין פאמילע פארמס 2 (ווייעבל אגריקולטוראל לאנד - אנדערע קאטעגאריע)

**מערב ניו יארק ($119,220 פאר 54 עיקערס):**

- מערב ניו יארק לאנד קאנזערוועגסי (נייאגרא קאונטי) – $119,220 צו באשיצן 54 עיקערס מיט 89% פראדוקטיווע ערד אויף טאוער פארם (ספעציעלע גרערטעניש קאטעגאריע)

**סטעיט אגריקולטור קאמישאנער ריטשארד א. באל האט געזאגט,** "פארם לאנד איז איינע פון די וויכטיגסטע נאטורליכע ריסאורסעס וואס מיר האבן. דער ׳פאַרם-ערד פראטעקשען פראגראם׳ העלפן אונז נישט נאר פרעזערווירן אונזער לאנד און אונזער רייכע פאַרם-שטח, נאר אויך העלפן פארמערס פארצוזעצן זייערע אפעראציעס, באשיצן זייער לעבנסשטייגער, און פארזעצן לייגן עסן אויפ׳ן טיש פאר ניו יארקערס און מענטשן איבער דער וועלט. איך טו גראטולירן אלע באקומער פאר׳ן אנטיילנעמען אין דעם פראגראם וועלכס העלפט אונז נאכקומען אונזערע קלימאט צילן און אויף אייביג אפהיטן אונזערע ארבעטנדע לאנדשאפטן פאר פאַרמער אין צוקונפטיגע דורות."

**סטעיט סענאטאר מישעל הינטשי, סענאט אגריקולטור קאמיטעט פארזיצער האט געזאגט,** "ניו יארק'ס פארם לאנד איז די פונדאמענט פון אונזער עסנווארג סופליי, און עס מאכן א סטעיט פריאריטעט צו קאנזערווירן פון די דרוק פון דעוועלאפמענט וועט פארזיכערן אז פארמערס קענען ווייטער פלאנצן אונזער עסן, שטארקן אונזערע לאקאלע עסנווארג סיסטעמען, פלאנירן פארן צוקונפט און שפילן א באדייטנדע ראלע אין אונזער קאמף אנטקעגן די קלימאט קריזיס. די פארם לאנד באשיצונג איינפירונג גרענטס פראגראם איז א קריטיש וויכטיגע איניציאטיוו וואס האט פערמענאנט גאראטעוועט טויזנטער עיקערס פון פארם לאנד אין געפאר. איך באדאנק גאווערנער האקול פאר איר איבערגעגעבנקייט צו שטיצן ניו יארק'ס אגריקולטור און גראטוליר אלע לאקאלע פארמס וואס האבן באקומען געלטער צו באשיצן זייער עסנווארג-פלאנצן ערד יעצט און פאר די טובה פון צוקונפטיגע דורות."

**אסעמבלי מיטגליד דאנע לופארדא, אסעמבלי אַגריקולטור קאמיטעט פארזיצער, האט געזאגט,** "ניו יארק'ס לאנג-אנהאלטנדע געטריישאפט צו פארם לאנד באשיצונג זעצט פאר מיט די לעצטע רונדע פון FPIG גרענטס. פארברייטערן פראגראם בארעכטיגונג צו אריינגעמען צוטריט צו פארם לאנד וועט העלפן נייע און רעטייערינג פארמערס האלטן לאנד אין אגריקולטורישע פראדוקציע. גראטולאציעס צו אלע באצאלטע פראיעקטן; אייער באמיאונג וועט העלפן NYS קאנזערווירן כמעט 2,000 עיקערס פון טייערע פארם לאנד. און א דאנק אייך גאווערנער האקול און אלע אונזערע פארטנערס וואס זענען געטריי צו די געזונטהייט און לעבהאפטיגקייט פון NY אגריקולטור."

**ניו יארק פארם ביורא פרעזידענט, דעיוויד פישער, האט געזאגט,** "ניו יארק פארם לאנד איז א ריסאורס וואס מוז ווערן באשיצט פון דעוועלאפמענט וואס וויל איר אינוואדירן. איינמאל עס ווערט פארלוירן, קומט עס זעלטן צוריק צו פראדוקציע, וואס איז א פארלוסט פאר אונזער סטעיט'ס עסנווארג סופליי. די אפענע לאנדשאפט און ענווייראנמענטל בענעפיטן געבן אויך צו צו די אלגעמיינע קוואליטעט פון לעבן פאר אלע ניו יארקער. ניו יארק שעצט גאווערנער האקול'ס אנגייענדע געטריישאפט צו די פארם לאנד פרעזערווירונג פראגראם וואס שטעלט צו נויטיגע אינסענטיוו וואס שטיצן א פארמ'ס לאנג-טערמיניגע ווייעביליטי."

**אמעריקאנער פארם לאנד טראסט ניו יארק פאליסי מענעדזשער מיקעאלע פערי האט געזאגט, "**פארם לאנד באשיצונג איז א קריטישע געצייג אין אונזער קאמף אנטקעגן קלימאט טויש. באשיצטע פארמס דינען אלס די פונדאמענט פאר פארמערס צו דינען דאס לאנד מיט קלימאט-קלוגע פראקטיצן וואס קענען בענעפיטירן אלע ניו יארקער מיט פרישע, לאקאלע עסנווארג, געזונטע ערד, און ריינע וואסער און לופט. AFT אפלאדירט די פארמערס, לאנד טראסטס, און ניו יארק סטעיט פאר זייער געטריישאפט צו פארם לאנד באשיצונג און קוקט ארויס פאר ווייטערדיגע פארטנערשיפ צו האלטן לאנד אוועילעבל פאר צוקונפטיגע דורות."

דער ׳פאַרם-לענד פראטעקשען אימפלעמענטעישן גרענטס פראגראם׳ שטעלט צו פינאנציעלע הילף פאר קאונטיס, מוניציפאליטעטן, ערד און וואסער קאנסערוועישען דיסטריקטס, און לאנד טראסט צו ערמעגליכן איינצופירן פאַרם-שטח אפהיט אקטיוויטעטן אין איינקלאנג מיט ארטיגע אגריקולטור און פאַרם-שטח

אפהיט פלענער. דער מערסט-אפט-פינאנצירטע אקטיוויטעט איז דאס איינקויפן פון דעוועלאפמענט רעכטן אויף איינצעלנע פאַרמס. פונדעסטוועגן וועט דער פראגראם פארטיילט אויך געלטער צו ערמעגליכן איינפיר אקטיוויטעטן, ווי צ.ב.ש. ענדערונגען צו ארטיגע געזעצן וועלכע אפעקטירן אגריקולטור, אַפּשען הסכמות, או דעקן די טראנזאקציע קאסטן פון איישטייערטע אגריקולטור קאנסערוועישען איזמענט.

**ניו יארק סטעיט'ס לאנד'ס-פירנדע קלימאט פלאן**

אונטער די גאווערנער'ס פירערשאפט זעצט ניו יארק סטעיט פאר צו שטיין אין שפיץ פונעם לאנד מיט איר שטארקע קלימאט און ריינע-ענערגיע אגענדע. אלס טייל פון די סטעיט'ס ברייטערע קלימאט איניציאטיוו, העלפן עטליכע אגריקולטורישע פראגראמען וועלכע ווערן אנגעפירט דורך די דעפארטמענט פון אגריקולטור און מארקעטס צו באשיצן די וואסער קוואליטעט אויף פארמס און צו פרעזערווירן פארם שטחים. ניו יארק סטיעט'ס לאנד-פירנדע אינוועסטירונג אין ריינע וואסער אינפראסטרוקטור קומט אויס צו 5 ביליאן זייט 2017. אונטער די פירערשאפט פון גאווערנער האקול רעכנט די אריבערגעפירטע בודזשעט פאר 2023-24 אריין 500 מיליאן דאלאר אין פינאנצירונג וואסער ריינקייט, אריינרעכנענדיג פארגעזעצטע שטיצע פאר דעם 'קלימאט-שטאנדהאפטיגע פארמינג פראגראם' ( Climate Resilient Farming Program, CRF), אין צוגאב צו די צוגאב פון דעם Ag Non-Point פראגראם — ביידע פון וועלכע בויען ארויף אויף די סטעיט'ס באמיאונגען צו ברענגען היסטארישע וואסער קוואליטעט באשיצונג מאסנאמען. די CRF און Ag Non-Point פראגראמען פונקציאנירן אלס טייל פון די אגריקולטורישע ענווייראמענטאלע פארוואלטונג (Agricultural Environmental Management, AEM) פרעימוואָרק — א ברייטערע אונטערנעמונג צו העלפן פארמער אנקומען צו העכערע שטאפלען פון אחריות צו די ענווייראמענט און צו מער ווירקזאמע און שפארזאמע פארמינג סיסטעמען.

אין צוגאב איז די דעפּארטמענט א צענטראלע טייל פון די סטעיט'ס קלימאט שריט קאונסיל ( Climate Action Council) וואס האט לעצטנס פארענדיגט א סעריע פון סעסיעס פאר די פובליק צו לאזן קאמענטארן אויף איר ['סקאופינג' פלאן](). די 'סקאָופינג' פלאן וועט דינען אלס א דעטאלירטע סטראטעגיע וויאזוי ניו יארק וועט רעדוצירן שעדליכע גאז עמיסיעס און אנקומען צו באלאנסירטע עמיסיעס, פארמערן די באנוץ מיט ריינע ענערגיע און זיכער מאכן אז אלע קאמיוניטיס בענעפיטירן אויף א גלייכן פארנעם פון די אריבערגאנג צו ריינע ענערגיע.

אין סעפטעמבער פון 2022 האט די ניו יארק סטעיט איניציאטיוו, NYS קאנעקטס: קלימאט קלוגע פארמס און וועלדער פראיעקט' (NYS Connects: Climate Smart Farms and Forests Project), אויך געשאנקען געווארן א 60 מיליאן דאלארדיגע גרענט דורך די פאראייניגטע שטאטן אגריקולטור דעפּארטמענט (United States Department of Agriculture, USDA) 'שותפות פאר קלימאט-קלוגע סחורות' (Partnerships for Climate-Smart Commodities) פינאנצירונג געלעגנהייט. אנגעפירט דורך די סטעיט דעפּארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג ( Department of Environmental Conservation) און דעפּארטמענט פון אגריקולטור און מארקעטס, איז דער פראיעקט איינס פון 70 אויסדערוועהלטע פראיעקטן איבערן לאנד צו באקומען פעדעראלע פינאנצירונג צו העלפן ברענגען פארמער און וואלד אייגנטימער צו איינפירן קלימאט-קלוגע סטאנדארטן און העלפן בויען קשרים צווישן די פארם און וואלד סחורות און קליענטן דורך מארקעט דעוועלאפּמענט.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418